**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/2/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נייע מאסנאמען צו באקעמפן אויפשטייג אין קינדער לעיבאר פארלעצונגען און פאר לעיבאר האנדל**

***ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט וועט אוועקשטעלן נייע קינדער לעיבאר איינהייט, אויפשטעלן ארבעטסגעבער צוזאג פראגראם צו באשיצן יוגנטליכע ארבייטער, אוועקשטעלן לעיבאר האנדל אפרופונג איינהייט***

***בויט ארויף אויף דעפארמענט'ס עקזיסטירנדע פובליק אויפקלערונג קאמפיין צו אינפארמירן ארבייטער, עלטערן און ארבעטסגעבער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט נייע באמיאונגען צו באקעמפן קינדער לעיבאר פארלעצונגען און לעיבאר האנדל אין ניו יארק סטעיט. אין ליכט פון א באדייטנדע 68 פראצענטיגע וואוקס אין באריכטן פון קינדער לעיבאר פארלעצונגען אין 2022 אין ניו יארק סטעיט, פארשטערקערן גאווערנער האקול און די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט (New York State Department of Labor, NYSDOL) זייער איבערגעגעבנקייט צו פארזיכערן די זיכערהייט און וואוילזיין פון יוגענטליכע ארבייטער. דאס פאלגט נאך די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט'ס [לעצטיגע קאמפיין](#) צו אויפקלערן יונגע ארבייטער איבער זייערע רעכטן ביים ארבעטספלאץ. די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט וועט אויך אוועקשטעלן א נייע קינדער לעיבאר איינהייט (Child Labor Task Force), אויפשטעלן אן ארבעטסגעבער צוזאג פראגראם און פארברייטערן די דיוויזיע פון אימיגראנט פאליסיס און אנגעלעגנהייטן'ס (Division of Immigrant Policies and Affairs) אנטי-מענטשן-האנדל ארבעט צו אוועקשטעלן א לעיבאר האנדל אפרופונג איינהייט (Labor Trafficking Response Unit).

"מיר האבן אלע א מאראלישע אחריות צו באשיצן אונזערע קינדער און צו באקעמפן דאס אויסנוצן ארבייטער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פאר צענדליגע יארן איז ניו יארק סטעיט געשטאנען אין שפיץ פונעם לאנד ווען עס קומט צו אוועקשטעלן קינדער לעיבאר באשיצונגען ווי צום ביישפיל באגרעניצן ארבעט'ס שטונדן אויף נעכט ווען עס איז דא סקול און אוועקשטעלן מינימום געהאלטן סטאנדארטן פאר ארבייטער אונטער אכצן. מיט די לעצטיגע אויפשטייג אין באריכטן פון קינדער לעיבאר פארלעצונגען, וועלן די נייע מאסנאמען אויפקלערן יוגענטליכע ארבייטער איבער זייערע רעכטן ביי די ארבעטספלאץ און האלטן ארבעטסגעבער פאראנטווארטליך, שאפנדיג זיכערע ארבעטספלעצער פאר אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער ראבערטא ריערדאן האט געזאגט,** "באשיצן און באפולמעכטיגן ניו יארק'ס ארבייטער איז אין די צענטער פון וואס מיר טוהען ביי די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט, און דערפאר זענען מיר אנטשלאסן צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד ביים היטן אויף אונזערע שוואכסטע ארבייטער פון ווערן אויסגענוצט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן נעמען דעם אנגעלעגנהייט ערנסטערהייט און באלד ארבעטן צו פארברייטערן די באמיאונגען וואס

מיר האבן אנגעהויבן פריער דעם יאר. די נייע איינהייט און אונזער אנגייענדע קאמפיין וועלן אונז געבן די כלים צו באשיצן שוואכע ארבייטער וועלכע קומען בלויז אריין אין די וועלט פון ארבעט."

**<u>קינדער לעיבאר איינהייט</u>**
גאווערנער האקול וועט אויפשטעלן א נייע קינדער לעיבאר איינהייט צווישן מערערע אגענטורן צו ארבעטן דירעקט מיט לאקאלע סקולס און לאקאלע רעגירונגען צו זיכער מאכן אז קינדער, עלטערן און ארבעטסגעבער ווערן אויפגעקלערט איבער זייערע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן ביים ארבעטספלאץ. די איינהייט וועט זיין א צוזאמענארבעט דורך פארשידענע סטעיט-שטאפל שותפים, אנגעפירט דורך די NYSDOL מיט באטייליגונג פון די ניו יארק סטעיט פאליציי, ניו יארק סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט (New York State Education Department, NYSED), ניו יארק סטעיט דעפארטמענט'ס אפיס פאר נייע אמעריקאנער (Office for New Americans), ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן (Division of Human Rights), ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance), ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services) און די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services). NYSDOL וועט ארבעטן מיט די אנדערע אגענטורן אין די איינהייט צו פארגרעסערן די אינפארסירונג מעגליכקייטן.

**<u>פארברייטערטע פובליק אויפקלערונג קאמפיין</u>**
NYSDOL וועט פארברייטערן די פובליק אויפקלערונג דיגיטאלע קאמפיין וואס האט זיך אנגעהויבן אין יאנואר 2023 צו ארויסלייגן וויכטיגע אינפארמאציע איבער לעיבאר האנדל און אזוי אויך נאך אינפארמאציע איבער יונגע ארבייטער'ס רעכטן, ארייננרעכנענדיג די סארטן דזשאבס וואס קינדער אונטער אכצן טארן נישט ארבעטן. NYSDOL וועט ארבעטן בשותפות מיט NYSED צו צושטעלן לעיבאר רעכטן און לעיבאר האנדל אינפארמאציע פאר סקולס צו פארטיילן צוזאמען מיט ארבעטס פאפירן.

**<u>ארבעטסגעבער צוזאג</u>**
NYSDOL וועט מוטיגן ארבעטסגעבער אין די גאסטגעבונג, רעסטוראנטן, גרייטע עסן און פיזיש-שווערע ארבעט אינדוסטריעס ווי מעניופעקטשורינג, עסנווארג פראצעסירונג, קאנסטרוקציע, פארמינג און לענדסקעיפינג צו אויפקלערן זייערע ארבייטער איבער לעיבאר רעכטן און איבער די סימנים פון לעיבאר האנדל. דאס וועט אריינרעכענען דאס מוטיגן ארבעטסגעבער צו נעמען די צוזאג צו באשיצן יוגענטליכע ארבייטער.

**<u>לעיבאר האנדל אפרופונג איינהייט</u>**
לעיבאר האנדל אדער געצווינגענע לעיבאר איז די באנוץ מיט כוח, שווינדל אדער דרוק צו ברענגען א מענטש צו ארבעטן קעגן זייער ווילן. עס איז געשאצט אז איבער 27 מיליאן מענטשן ארום די וועלט ווערן אויסגענוצט דורך מענטשן הענדלער. לעיבאר האנדל קען באטרעפן ערוואקסענע און קינדער פון אלע שיכטן און קרייזן, אבער א העכערע צאל זענען מינאריטעטן און מענטשן פון באזייטיגטע און פארקוקטע קאמיוניטיס.

צו פארברייטערן ניו יארק סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו שטיצן און באשיצן קורבנות פון לעיבאר האנדל, וואקסט די NYSDOL צו אריינרעכענען א נייע אנטי-מענטשן-האנדל איינהייט אונטער איר דיוויזיע פון אימיגראנט פאליסיס און אנגעלעגנהייטן. די נייע אנטי-מענטשן-האנדל איינהייט רעכנט אריין לעיבאר האנדל אפרופונג איינגעשטעלטע וועלכע וועלן זיין סטאנציאנירט אין ניו יארק סיטי און אין אלבאני, און עס וועט זיכער מאכן אז די וועלכע זענען די מערסטע אויסגעשטעלןט צו לעיבאר האנדל זענען באקאנט מיט די סימנים און מיטלען וועלכע זענען דא זיי צו העלפן אויב זיי פאלן א קורבן.

סימנים פון לעיבאר האנדל רעכנט אריין:

- ווערן געזאגט אז איר מוזט ארבעטן כדי צו אפצאל א חוב.
- ווערן צוגעזאגט א בענעפיט ווי א גרין קאַרד אדער געלט וואס איר באקומט נישט.
- ווערן געזאגט אז אייער ארבעטסגעבער וועט האלטן אייער פאספארט אדער באשעפטיגונג קאנטראקט.
- ווערן געסטראשעט אז איינער וועט רופן די פאליציי אדער אימיגראציע אינסטאנצן אויב איר טוט נישט ארבעט.

ניו יארקער וועלכע גלויבן אז זיי אדער איינער וועם זיי קענען זענען מעגליך א קורבן פון לעיבאר האנדל זאלן זיך פארבינדן מיט די NYSDOL אויף 877-466-9757 אדער שיקן אן אימעיל צו trafficking@labor.ny.gov. די NYSDOL וועט קיינמאל נישט פרעגן איבער די אימיגראציע סטאטוס פון אן ארבעטער.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער און קאָו-טשעיר פון די אינטער-אגענטור איינהייט אויף מענטשן האנדל, דעניעל וו. טיעץ, האט געזאגט,** "עס לייגט זיך נישט אויפן געוויסן אז סיי וועלכע ביזנעס וואלט אויסגענוצט נארוואס אנגעקומענע אימיגראנטן – און אוודאי און אוודאי קינדער – און מיר וועלן אדרעסירן די אנגעלעגנהייט מיט די גאנצע כוח. מיר מוזן פארשטערקערן אונזערע באמיאונגען צו אידענטיפיצירן פאטענציאלע מענטשן האנדל קורבנות און פארזיכערן אז זיי קענען באקומען שטיצנדע, קולטור-צוגעפאסטע ברייטע סערוויסעס צו נאכקומען זייערע באדערפענישן."

**ניו יארק סטעיט עדזשוּקעישן דעפּארטמענט קאמישאנער בעטי א. ראָוזע האט געזאגט,** "דאס אויסנוצן און אביוּז פון קינדער אימיגראנטן וועלכע ווערן אריינגעצווינגען צו טוהן אויסשעפנדע און אפּט-סכנות'דיגע דזשאבס מוז זיך אויפהערן. איך בין דאנקבאר פאר די שותפות מיט די לעיבאר דעפּארטמענט אויף די וויכטיגע איינהייט, און NYSED איז אנטשלאסן צו ארבעטן מיט אונזערע סקולס און סטעיט אגענטור שותפים צו פארמערן די אויפמערקזאמקייט איבער די אומרעכטן."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן קאמישאנער מאריא אימפעריעל האט געזאגט,** "קינדער לעיבאר איז א מענטשן רעכטן אנגעלעגנהייט וואס בארויבט קינדער פון זייער תמימות, כבוד און צוקונפט. עס איז גאר וויכטיג אז מיר זאלן היטן אויף די רעכטן פון אונזערע שוואכסטע ניו יארקער און פארזעצן צו שטופן פאר א סטעיט וואו יעדער איינער קען פארפילן זייער פאטענציאל."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס צייטווייליגע קאמישאנער, סוּזען מיילס-גוּסטאַוו, האט געזאגט,** "קינדער לעיבאר האט א שווערע ווירקונג אויף די גייסטישע, עמאציאנאלע און אפילו פיזישע אנטוויקלונג פון די טייערסטע און שוואכסטע צווישן אונז. עס ווערט זאגאר פארערגערט דורכן האנדלען מיט די יונגע מענטשן קעגן זייער ווילן. דאס שניידט אריין אין די סאמע הארץ פון וואס אונזער אגענטור זוכט צו באשיצן, און דאס איז די געזונטהייט, זיכערהייט און וואוילזיין פון אלע ניו יארקע קינדער. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און די לעיבאר דעפּארטמענט פארן אונטערנעמען די וויכטיגע טריט צו ברענגען אן ענדע צו די אפט פארקוקטע פארברעכנס, און מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן צוזאמען מיט די גאווערנער'ס אדמיניסטראציע און מיט אונזערע אגענטור שותפים צו שטיצן קורבנות פון לעיבאר האנדל און פארשפרייטן די באקאנטשאפט פון די פארשפרייטע פראבלעם."

**ניו יארק סטעיט פאליציי צייטווייליגער סוּפעראינטענדענט, סטיווען א. ניגרעלי, האט געזאגט,** "דאס פארלעצן אונזערע לעיבאר געזעצן און אויסנוצן סיי וועלכער פלייסיג-ארבעטנדער ניו יארקער איז אומאקצעפטירבאר, אבער אויסנוצן אונזערע שוואכסטע מיטגלידער פון אונזערע קאמיוניטיס – אונזער

יונגוואַרג – איז געווויסנלאַז, און מיר וועלן דאָס נישט טאָלערירן. איך אַפּלאַדיר גאווערנער האָקול און קאָמישאַנער ריערדאַן פאַר זייערע געשווינדע באַמיאונגען צו באַקעמפן די אויפשטייג אין קינדער לעיבאָר פאַרלעצונגען און לעיבאָר האַנדל, און די סטעיט פּאָליציי קוקט אַרויס צו אַרבעטן מיט זיי צו האַלטן די וועלכע ברעכן די געזעץ פאַראַנטוואָרטליך און צו ברענגען גערעכטיגקייט פאַר די קורבנות."

**NYSDOL הילפּס-מיטלען פאַר ביזנעסער און יונגע אַרבייטער**
כדי צו פאַרמיידן ביזנעסער פון איבערגריין די מאַקסימום שעה'ן פאַר יונגע אַרבייטער צוליב אַ מאַנגל אין אַרבייטער וועט די NYSDOL אויך פאַרזעצן צו פאַרשפּרייטן מיטלען וועלכע זענען דאָ צו העלפן ביזנעסער אויפנעמען אַרבייטער צו זיכער מאַכן אַז זיי האָבן גענוג אַ גרויסע אַרבעטסקראַפט. דורך די NYSDOL'ס [ביזנעס סערוויסעס](https://dol.ny.gov/businesses) קענען ביזנעסער אַרויסלייגן דזשאָב מעלדונגען, לערנען איבער באַלוינונגען פאַרן אויפנעמען אַרבייטער און באַקומען אומזיסטע קאָנסאַלטעישען סערוויסעס.

NYSDOL'ס דיוויזיע פון באַשעפטיגונג און אַרבעטסקראַפט לייזונגען ( Division of Employment and Workforce Solutions) רעכנט אַריין אַ יונגוואַרג מאַנשאַפט צו העלפן יונגע מענטשן וועלכע גייען אַריין אין די אַרר אַנווייזונג ביכלעך פאַר יונגע ניו יאָרקער זענען דאָ צו באַקומען דורך די אינטערנעט זיי צו אויפקלערן איבער וואָס זיי דאַרפן וויסן בעפאַרן אויספילן אַפּליקאַציעס. די אַנווייזונג ביכלעך זענען צוטיילט לויט די עלטער, [14-17](https://dol.ny.gov/) און [18-24](https://dol.ny.gov/), און זיי דעקן וויכטיגע נושאים ווי באַקומען אַרבעט'ס פּאַפּירן, ריכטיגע אידענטיפיקאַציע, צוגרייטן רעזומעיס און מער. טייל וויכטיגע עצות צו געדענקען פאַר יונגע אַרבייטער און ביזנעסער וועלכע נעמען זיי אויף זענען:

- אַרבייטער צווישן 14 און 17 דאַרפן האָבן אַ באַשעפטיגונג סערטיפיקאַט, אויך גערופן [אַרבעט'ס פּאַפּירן](https://dol.ny.gov/) כדי צו קענען האַלטן אַ דזשאָב אין ניו יאָרק סטעיט.
- עס זענען דאָ באַגרענעצונגען צו די לענג פון שיפטס, די צייטן פון די טאָג און צאָל שעה'ן וואָס קינדער אונטער אַכצן קענען אַרבעטן געוואַנדן אויף זייער עלטער און אויף אויב עס איז דאָ סקול.
- קינדער אונטער אַכצן זענען פאַרבאָטן פון [אַרבעטן ביינאַכט](https://dol.ny.gov/) און האָבן אַנדערע באַגרעניצונגען פון ערוואַקסענע.
- [מינימום געהאַלט געזעצן](https://dol.ny.gov/) גייען אָן פאַר אַלע אַרבייטער (חוץ אויב אַנדערש אַנגעדייטעט), אַריינרעכענענדיג קינדער אונטער אַכצן.
- קינדער אונטער אַכצן טאָרן נישט טוהן געוויסע אויפגאַבן אדער באַשעפטיגונגען וועלכע זענען באַשטימט צו זיין סכנות'דיג. די אויפגאַבן און באַשעפטיגונגען ווערן פאַרבאָטן אויף די סטעיט און/אדער אויף די פעדעראַלע שטאַפּל.

באַזוכט NYSDOL'ס סאָושעל מידיע טשענעלס צו זעהן די נייע קאַמפּיין, און זעהט NYSDOL'ס [ווייסט אײַערע רעכטן הויפּט בלאַט](https://dol.ny.gov/) פאַר מער אינפאָרמאַציע איבער קינדער לעיבאָר געזעצן. פאַר מער אינפאָרמאַציע איבער מענטשן האַנדל און איבער לעיבאָר האַנדל, באַזוכט די NYSDOL'ס [מענטשן האַנדל וועבזייטל](https://dol.ny.gov/).

###

נאָך נייעס קען מען באַקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יאָרק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאַמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

[זיך אַרויסשרייבן](#)